**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט ארויסשטעלונג פון די ערשטע פלענער פון די 2050 ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע מייסטער פלאן פאר די פובליק איבערצוקוקן

***פלאן שטעלט צו א ווייט-גרייכנדע וויזיע פאר "קאמיוניטי באזירטע טראנספארטאציע" אין ניו יארק סטעיט***

***פובליק ווערט געמוטיגט איבערצוקוקן דעם פלאן און זיך באטייליגן אין ווירטיואלע פארומס אויף יולי 8***

***קוקט איבער דעם פלאן [דא]()***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די ערשטע פלענער פון די 2050 ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע מייסטער פלאן (Transportation Master Plan), וואס וועט פארמירן די אנטוויקלונג פון ניו יארק'ס טראנספארטאציע אינפערסטרוקטשער פאר צענדליגע קומענדיגע יארן, איז יעצט עווילעבל פאר'ן פובליק איבערצוקוקן. די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג (New York State Department of Transportation, NYSDOT), אין צוזאמענהאנג מיט טראנספארטאציע אגענטורן לענגאויס די סטעיט, האבן איסגעארבעט דעם פאראויס-קוקנדע פלאן און ווילן יעצט הערן די מיינונגען פונעם פובליק זיי צו העלפן פארענדיגן די ענדגילטיגע דאקומענט וואס ווערט געפלאנט פאר שפעטער אין דעם זומער. מיטגלידער פונעם פובליק ווערן געמוטיגט איבערצוקוקן די ערשטע פלענער און זיך באטייליגן ביי איינער פון די צוויי ווירטיואלע פובליק פארומס געפלאנט פאר יולי 8.

"ניו יארק סטעיט טוט מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען איבערצובויען אונזער אינפערסטרוקטשער זיך צו קענען ספראווען מיט די שוועריקייטן פון דעם 21'סטן יאר הונדערט, און מיר ווילן אנהאלטן די פארשריט ביז טיף אריין אינעם צוקונפט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך מוטיג יעדער איינער צו ליינען די ערשטע פלענער פונעם מייסטער פלאן, און געבן זייערע פידבעק כדי מיר זאלן קענען זיכער מאכן אז ניו יארקער באקומען א טראנספארטאציע נעטווארק וואס קומט נאך זייערע געברויכן, נישט נאר היינט, נאר אויך אין צענדליגע קומענדיגע יארן."

NYSDOT אנערקענט אז טראנספארטאציע איז נישט בלויז אינפערסטרוקטשער — עס אפעקטירט מענטשן, פלעצער און איבערלעבענישן. יעדן טאג, טוען מיליאנען ניו יארקער איינוואוינער און באזוכער זיך פארלאזן אויף די סטעיט'ס נעטווארק פון שאסייען, פובליק טראנזיט, ביציקל טרעילס, און סיידוואקס צוצוקומען צו דשאבס, עדיוקעישען, העלט קעיר און פארוויילונג. ניו יארק'ס הייוועיס, רעילוועיס, לופטפעלדער און פארטן שטיצן די באוועגונג פון וויכטיגע פראדוקטן און סחורה, און פארבינדן קאמיוניטיס איבער'ן סטעיט און ארום דער וועלט. היינטיגע באשלוסן איבער טראנספארטאציע וועלן האבן ווייט-גרייכנדע השפעות.

אין די זעלבע צייט, קומען פאר גאר שנעלע טוישונגען און עס זענען דא נייע שוועריקייטן און פראבלעמען וואס מען דארף נעמען אין באטראכט — ווי טוישונגען אין טרעוועל אויפפירונגען, נייע טעכנאלאגיע פארשריט, און מער עקסטרעמע וועטער וואס געשעהט צוליב קלימאטן טויש. דערפאר, פעלט זיך גאר שטארק אויס צו קוקן ווייטער ווי היינטיגע ספעציפישע טראנספארטאציע פראיעקטן, און שאפן א ברייטע וויזיע פאר די צוקונפט פון טראנספארטאציע און אונזער קאמיוניטיס.

די ערשטע פלענער פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע מייסטער פלאן שטעלט ארויס א וויזיע פאר "קאמיוניטי באזירטע טראנפארטאציע" דורכאויס ניו יארק סטעיט מיט א פאראויס-בליק אויף 2050. עס טוט אידענטיפיצירן פאליסיס און פריאריטעטן צו שטיצן בליענדע קאמיוניטיס, עקאנאמישע לעבהאפט, א ריינע און געזונטע ענווייראנמענט, און אנדער קאמיוניטי-באזירטע צילן. ספעציפישערהייט, טוט עס:

- באשרייבן ניו יארק'ס עקזיסטירנדע טראנספארטאציע סיסטעם און ווי גוט עס ארבעט;
- אויסשמועסן הויפט טרענדס און פראבלעמען וואס טוען אפעקטירן טראנספארטאציע וואס מען ערווארטעט וועט זיין וויכטיג אינעם צוקונפט;
- אידענטיפיצירן טראנספארטאציע צילן און מיטלען מיט וואס צו קענען אפשאצן פארשריט; און
- קלאר שטעלן סטראטעגישע ריכטונגען צו נעמען, פאליסי און פריאריטעטן פאר ניו יארק סטעיט'ס מולטי-מאודעל טראנספארטאציע סיסטעם

די מיינונגען פונעם פובליק זענען גאר וויכטיג צו זיכער מאכן אז די פלאן אדרעסירט די טראנספארטאציע געברויכן פון אלע סטעיט איינוואוינער און באזוכער. מיטלידער פונעם פובליק ווערן געמוטיגט צו באזוכן די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע מייסטער פלאן 2050 וועבזייטל איבערצוקוקן די ערשטע פלענער דאקומענט, לאזן וויסן זייער מיינונג און זיך איינשרייבן פאר צוקונפטיגע אפדעיטס. אינפארמאציע איבער וויאזוי זיך איינצושרייבן פאר ווירטיואלע פובליק פארומס וואס ווערן געפלאנט פאר דינסטאג, יולי 8, פון 1 p.m. ביז 2 p.m., און פון 6:30 p.m. ביז 7:30 p.m. איז אויך עוועילעבל אויף די וועבזייטל

NYSDOT איז פארפליכטערט זיך צו רעכענען מיט די מיינונגען פון מענטשן אין אלע ראיאנען פונעם סטעיט, אריינגערעכנט אוטריטש צו היסטאריש שוואך-רעפרעזענטירטע קאמיוניטיס, און צושטעלן געלעגנהייטן פאר מענטשן פון אלע יארגענג און פעאיגקייטן אנטיילצונעמען. צו זיכער מאכן אז די וואס דארפן הילף האבן צוטריט צו די ערשטע פלענער און באטייליגן זיך אין ווירטיואלע פובליק פארומס, קען מען בעטן פאר אקאמעדאציע דורך שוקן אן אימעיל צו Colleen Smith-Lemmon (קאלין סמיט-לעמאן) אויף: Colleen.Smith-Lemmon@dot.ny.gov.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג קאמישענער Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגיועז) האט געזאגט,** "כדי צו באמת קענען אויספולן אונזער מיסיע פון צושטעלן א פארזיכערטע, פארלעסליכע, צוטריטליכע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס באדינט אלע ניו יארקער, מוזן מיר קוקן אויף צוקונפטיגע טראנספארטאציע געברויכן פון קומענדיגע דורות און זיין גרייט זיי נאכצוקומען. די ערטשע פלענער פונעם מייסטער פלאן איז א שריט אין דעם פראצעדור, און צו קענען צו מצליח זיין, דארפן מיר די באטייליגונג פון יעדער איינער. איך מוטיג יעדער איינער צו ליינען די ערשטע פלענער פונעם מייסטער פלאן און מיטיילן זייערע געדאנקען איבער דעם אזוי אז מיר זאלן קענען ארבעטן פאר א פולקאם-צוטריטליכע טראנספארטאציע נעטווארק פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערעמי קוני) האט געזאגט,** "טראנספארטאציע איז איינגעפעדמט אין די טעגליכע לעבנס פון מיליאנען ניו יארקער. פון פארן און אהיימקומען פון ארבעט און שולע ביז צוקומען צו העלט קעיר און וויכטיגע סערוויסעס, איז טראנספארטאציע גאר וויכטיג אויפצוהאלטן בליענדע, פארבינדעטע קאמיוניטיס. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ערשטע פלענער פון די טראנספארטאציע פלאן טוט צושטעלן א געלעגנהייט אפצושאצן די צוקונפטיגע באוועגונג פון ניו יארק — אדרעסירנדיג עמערדשענסי טעכנאלאגיעס, אינפערסטראקטשער פארבעסערונגען, און קלימאט-

שטאנדהאפטיגע לעזונגען. איך קוק איבער דעם פלאן און מוטיג אלע ניו יארקער זיך צו באטייליגן ביי פובליק פארומס און אונז העלפן פארזיכערן א צוקונפט פון טראנספארטאציע וואס ארבעט פאר יעדער איינער."

**אסעמבלי מיטגליד William Magnarelli (וויליעם מארגנערעלי) האט געזאגט,** "די ארויסשטעלונג פון די ערשטע פלענער פון די 2050 מייסטער טראנספארטאציע פלאן פאר ניו יארק סטעיט איז א וויכטיגע שריט אין די צייט וואס ניו יארק זוכט צו בויען א פארזיכערטע, עפישענט, שטאנדהאפטיגע און מאדערנע טראנספארטאציע נעטווארק. איך קוק ארויס איבערצוקוקן די ערשטע פלענער און איר רעקאמענדאציעס."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע אפטיילונג צו צושטעלן א פארזיכערטע, פארלעסליכע, יושר'דיגע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, בארייכערט די קוואליטעט פון לעבן, באשיצט די ענווייראנמענט, און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאלגט אונז נאך אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן